


**חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו**

# אכסניא של תורה "ניו יאָרק סטעיט אַרמאָרי" בעדפאָרד עוו. פולקאָס צוגעגרייט צו אַקאָמאָדירן צענדליגער טויזנטער סאַטמאַרער חסידים היינטיגן מוצאי שב"ק צום צענטראַלן סעודת הודאה כ"א כסלו

**ביום הצלה והשחרור פון רבינו הק' בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע – במקהלות רבבות אלפי ישראל בראשות ממלא מקומו כ"ק מרן רבינו שליט"א – סאטמארער חסידים אין טיעפן התרגשות צום התגברות כח הקדושה מיט פרישע הונדערטער תלמידים ותלמידות מדי שנה בשנה כן ירבו וואס צווינגט באלד צו בויען פרישע בנינים פאר תלמוד תורה און בית רחל**

ניו יארק. – "זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו". מיט פלאטערדיגע הערצער גרייטן זיך רבבות אלפי ישראל, תלמידי וחסידי סאטמאר, רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, ראשי ישיבה און די תלמידים, דיינים ומורי צדק, זקני שארית עמך בית ישראל, הונדערטער געסט פון איבער גרעיטער ניו יארק און די ווייטע קאנאדע, אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר וועלכע זענען נאך אויסגעוואקסן על ברכיו פון רבינו הק' בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, טייערע איידעלע אינגעלייט וועלכע זענען שוין אויסגעוואקסן על ברכי כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, תלמידים וחסידים וועלכע זענען דבוק להאי אילנא דחיי, דער אילן הגדול שצילו נוטה למרחוק, צדיק כתמר יפרח, כבוד קדושת מרן רבינו הגה"ק שליט"א – צו דעם געהויבענעם מעמד רבתי אדיר ונשגב, די צענטראלע "סעודת הודאה כ"א כסלו", וואס וועט ווערן געפייערט היינטיגן מוצאי שב"ק פר' וישב, לס' "למען הציל אותו מידם להשיבו אל אביו", אינעם ריזיגן בנין "ניו יארק סטעיט ארמארי", וואס געפינט זיך אין שכינות פון די קראון הייטס געגנט, בראשות פון דעם רועה נאמן ושומר גחלת ישראל, כ"ק מרן רבינו שליט"א.

פארזעצונג אויף זייט ח ◂◂

**לשמוע את דבר ה':**

## צענטראַל־פונקט פונעם הייליגן אווענט: דברות קודש ומשא המעמד פון כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א

**דברי חיזוק בדברים העומדים על הפרק און התעוררות ביסודות הדת במשנתו פון בעל הנס זי"ע**

לייענט נייעס זייט ב



# דער "טאַטע" טיילט

צווייטע סעריע פון אַרטיקל: ברכת הבנים פון רבי'ן

זייט ג

## ספעציעלער געשאנק

גאר רייכע געשאנק מיט היסטארישע און באלערנדע ארטיקלען און אינהאלספולע ליין-מאטריאל פאר אינג און אלט, וואס וועט האלטן געשפאנט די גאנצע פאמיליע לכבוד חנוכה, וועט ווערן פארטיילט פאר אלע משתתפים ביים כינוס רבתי

## לשמוע את דבר ה':

# צענטראל־פונקט פונעם הייליגן אווענט: דברות קודש ומשא המעמד פון כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א

**דברי חיזוק בדברים העומדים על הפרק און התעוררות ביסודות הדת במשנתו פון בעל הנס זי"ע**

ברוקלין ניו יארק. – ווי שטענדיג וועט דער הויכפונקט פונעם הייליגן אווענט זיין דער "משא דבר ה'" וואס דער ריזן ציבור פון רבבות אלפי ישראל וועלן הערן פונעם נשיא העדה ורועה נאמן, כ"ק מרן רבינו שליט"א בדברים חוצבים להבות אש, מיט יסודות'דיגע הדרכות בענינים העומדים על הפרק, במשנתו פונעם גרויסן בעל הנס מרן רבינו הק' מסאטמאר זי"ע.

די דברות קודש ביים מעמד ההודאה כ"א כסלו איז פאר די לעצטע העכער זעכציג יאר געווען א מעמד נרגש וואס ליגט נאך היינט אין די ביינער פון יעדן וואס האט געהאט די זכי' צו אנוועזנד דערביי. עס קלינגט נאך אין די אויערן ווען דער גרויסער בעל הנס רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע פלעגט ערשיינען צו די סעודות הודאה בצהלת פניו המאירים און אויפגעטרעטן מיט פייערדיגע דברות קודש והתחזקות, וואס האט געהאט איר אייגנארטיגן חן דקדושה, ווען דער רבי זי"ע איז צומאל "יצא מגדרו" און געלאזט הערן הרהורי לבו הטהור איבער דעם נס ההצלה, וואס איז געווען "למען הציל אותו מידם להשיבו אל אביו". דער רבי זי"ע פלעגט גאר שטארק מאריך זיין איבער דעם יסוד היהדות פון מחנך זיין תינוקות של בית רבן בחינוך טהור בלי שום תערובות, וואס דאס איז די איינציגע גאראנטיע זיך צו קענען דערהאלטן אין חשכות הגלות.




אויך דערנאך ווען מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זיע"א פלעגט פראווען דעם גרויסן יו"ט בקרב קהל קדושים פון אלפי תלמידים וחסידים, איז דער יו"ט כ"א כסלו געווען א גאר געהויבענער מעמד נרגש וואו אלפי תלמידים וחסידים האבן זיך מתאחד געווען מיט דרכו ותורתו הבהיר פון מרן רבינו הק' והטהור זי"ע, הערנדיג די הארציגע און הייליגע דרשות התעוררות פון רבי'ן זצוק"ל.

נאך בחיים חיותו פון מרן בעל ברך משה זי"ע, אין די לעצטיגע געזונטע יארן בהלו נרו על ראשינו, האט דער רבי זצ"ל מכבד געווען בנו הגדול כ"ק מרן רבינו שליט"א צו זאגן די צענטראלע דרשה ביים כינוס השנתי. דער רבי שליט"א פלעגט זאגן פלאמפייערדיגע דברי תורה בענינים העומדים ברומו של עולם, דברים חוצבים להבות אש, בדברי השקפה והדרכה אויף טריט און שריט, צו געדענקן דעם תכלית ההצלה, אויפצושטעלן א לגיון של מלך, דורות נאמנים לה' ולתורתו.

ועכשיו ביותר, זינט דער רבי שליט"א איז נתעלה געווארן לשבת על כסא אבותיו הקדושים נבג"מ, און גדולים וטובים משכימים לפתחו אין אלע עניני הדת, און עיני כל בית ישראל איז נשואות אליו לשמוע את דבר המלך ודתו, דעם דעת תורה הצרופה פון דעם רבן ומנהיגן של רבבות אלפי ישראל, איז די דרשה כ"א כסלו פארוואנדלט געווארן אין א צענטראלע דרשה וואו דער רבי שליט"א איז משנן דעם דבר ה' ברמה אין אלע יסודות הדת, און ביים ציבור אלפי חסידי סאטמאר איז דאס א שעה של התרוממות וקורת רוח צו הערן דעם דבר ה' ברמה ודברי אלקים חיים, און זיך אנשעפן מיט דברי חיזוק והתעוררות, כמים קרים על נפש עייפה.

מיט התרגשות דקדושה קוקט דער ציבור ארויס אויף די געהויבענע מינוטן ווען דער רבי שליט"א וועט משמיע זיין אמרותיו הטהורים און מחזק זיין דעם לגיון של מלך תלמידיו ותלמידיו תלמידיו פונעם בעל הנס רבינו הק' זי"ע, זיך ווייטער צו האלטן מיטן דרך התורה הצרופה בלי שום שינוי זוז כל שהוא, און מדריך זיין די אלפי רבבות תלמידיו וחסידיו לדעת את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם.

ב"ה

**בקשה מיוחדת**

**צו די עסקנים ביים דינער**

מיר בעטן יעדן איינעם וואס האט זיך אונטערגענומען סיי וועלכע

**עסקנות**

**ביים מעמד סעודת הודאה ודינער**

זאל זיין צייטליך אין זאל

**לכה"פ נישט שפעטער ווי**

**8:00**

כדי צו קענען אלעס מסדר זיין על צד היותר טוב

**היו נכונים**





# דער "טאַטע" טיילט

## צווייטע סעריע פון אַרטיקל: ברכת הבנים פון רבי'ן

אין א פריערדיגן אַרטיקל האָבן מיר שוין געברענגט וואָס מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט זיך בפירוש אויסגעדרוקט, אַז די תלמידים פון אונזערע הייליגע מוסדות, דאָס זענען זיינע קינדער, וכאהבת אב לבן האָט דער רבי זי"ע צוגעזאָגט גרויסע ישועות פאַר די וואָס שטיצן זיינע טייערע קינדער, מוסדותינו הק'.

וכחזיון הזה האָט מען אונז דערציילט אַ גאָר ענטליכע מעשה.

מיט עטליכע וואָכן צוריק איז דאָהי אין וויליאַמסבורג נפטר געוואָרן די חשוב'ע אשה ישישה מרת גלויבער ע"ה, אלמנת הרה"ח הוותיק ר' יונה גלויבער ז"ל, פיליעריגער מלמד ביי די העכערע כתה פון אונזערע תלמוד תורה (היינטיגע כתה מכינה לישיבה קטנה).

די לוי' איז געווען זונטאָג פרשת ויצא, ראש חודש כסלו, און צוליב ראש חודש האָט מען נישט מאריך געווען בהספדה. אָבער א קורצן הספד האָט מען יאָ געהערט פון יבלחט"א הגה"צ רבי שמעי' גרינבוים שליט"א מחבר ספרי סייעתא דשמיא, א תלמיד חביב פון איר מאַן הר"ר יונה גלויבער ז"ל, וועלכער האָט על פי צוואתה פון די נפטרת ע"ה איבערגעזאָגט די הייליגע ווערטער וואָס מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט געזאָגט ביי די לוי' פון ר' יונה ז"ל.

ר' יונה ז"ל איז ווי באַקאַנט, געווען גאָר אַן איבערגעגעבענער און געטרייער מלמד, און זייענדיג א תלמיד חכם מופלג, באַקאַנט מיט א שטאַרקן כח ההסבר, האָט ער זוכה געווען מעמיד צו זיין פילצאָליגע גאָר חשוב'ע תלמידים, ביניהם תלמידי חכמים מפורסמים, מורי הוראה ומחברי ספרים.

פאַר'ן קריג האָט ר' יונה ז"ל געהאַט א משפחה מיט קינדער. ליידער זענען זיי אַלע אומגעברענגט געוואָרן דורך די דייטשע רשעים ימ"ש, און נאָכ'ן קריג האָט ער נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט זיין געטרייע לעבנס-באגלייטערן מרת גלויבער ע"ה, מיט וועמען ער האָט שוין נישט זוכה געווען מעמיד צו זיין קיין תולדות. זיין גאַנצע חיות האָט ער אַריינגעלייגט אין די תלמידים קרויים בנים, וזאת נחמתו בעניו.

בליל שבת קודש פרשת שמות תשכ"ח איז הר"ר יונה ז"ל פלוצים אַוועקגעפאַלן אין אונמאַכט. ביים ציבור ותיקי חסידי אנ"ש ליגט נאָך טיף אין זכרון דאָס רירענדע בילד, ווי מרת גלויבער ע"ה איז דאַן היסטעריש אַריינגלאָפן אין גרויסן ביהמ"ד וואו מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע האָט געהאַלטן אינמיטן מעריך זיין שולחנו הטהור בליל שב"ק. זי האָט שטארק געוויינט און געבעטן אַז דער רבי זאָל איינרייסן פאַר איר מאנס געזונט.

טראָץ וואָס מ'האָט איר געוואָלט אָפּשטילן און אַרויספירן פון ביהמ"ד, האָט דער רבי זי"ע דאָס נישט צוגעלאָזט, און באַפוילן אַז מ'זאָל איר לאָזן אויסגעבן איר צער.

הערענדיג אירע קולות איז מרן רביה"ק זי"ע טיף גערירט פון גרויס צער, אָבער דער רבי ז"ע האָט גאָרנישט רעאַגירט דערויף, וברוח קדשו האָט דער רבי זי"ע געזען אַז עס איז שוין כבר נגזרה גזירה, און ביי יענעם מאָמענט איז רבי יונה ז"ל שוין נישט געווען בין החיים. ער איז פלוצים נסתלק געוואָרן ביום כ"ו טבת אין פריצייטיגן עלטער פון 63 יאָר. די לוי' איז אַרויס מוצש"ק פאָרענט פון ביהמ"ד, און דער רבי זי"ע האָט דאַן מקצר געווען ביי די דברי תורה בימי השובבי"ם צוליב די לוי'.

ביי די לוי' האָט דער רבי זי"ע מספיד געווען ר' יונה'ן במספד תמרורים, און דאָס איז געווען די לעצטע געלעגנהייט וואָס מ'האָט געהערט דעם רבי'ן זי"ע משמיע זיין מאמרותיו בקודש איידער דער רבי זי"ע איז אַוועקגעפאַלן מיט'ן שווערן סטראָוק ל"ע. דערביי האָט דער רבי זי"ע געזאָגט, אַז ר' יונה ז"ל האָט טאַקע נישט איבערגעלאזט קיין דורות נאָך זיך, אָבער תלמידים קרוים בנים, און די פילע תלמידים וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, דאָס זענען די דורות וואָס ער לאָזט איבער נאָך זיך.

אָט די ווערטער האָט מרת גלויבער ע"ה געוואָלט אַז מ'זאָל איבערזאָגן בשם מרן רביה"ק זי"ע ביי איר לוי', און האָט געבעטן אַז מ'זאָל מכבד זיין דעם תלמיד הגדול פון איר מאַן הגה"צ בעמח"ס סייעתא דשמיא שליט"א אַז ער זאָל דאָס איבערזאָגן.

הייליגע דיבורים וואָס זאָגט זייער אַסאַך פון זיך. דער רבי ז"ע האָט גוט געקענט ר' יונה'ן, און האָט געוואוסט וויפיל ער האָט אַרויסגעקוקט נאָכן קריג נאָכאַמאָל אויפצושטעלן א שטוב. ליידער איז עס נישט באַשערט געווען, אָבער רצון יראיו יעשה, און ר' יונה אַליינס האָט זוכה געווען מעמיד צו זיין אַזויפיל טייערע תלמידים, הנקראים בנים עד היום הזה.

די מעשה רעדט און דערציילט גאָר אַסאַך אויפ'ן רבי'ן זי"ע. ביים עלטערן דור תלמידי וחסידי סאַטמאַר ליגט נאָך אין זכרון די רירענדע מאָמענטן, ווען רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע פלעגט ביי די תקיעות שופר דרשות מעורר זיין דעם ציבור אַז מ'זאָל מתפלל זיין און איינרייסן אויף אים אַז ער זאָל געהאָלפן ווערן מיט קינדער. די שטורמישע בכיות וואָס האָט זיך דאַן אָפּגעטון אין ביהמ"ד איז אוממעגליך צו שילדערן פאַר איינעם וואָס האָט דאָס נישט פערזענליך בייגעוואוינט.

ומדבריו למדנו, אַז דער רבי זי"ע האָט טאַקע יאָ זוכה געווען אַז זיין הייליגער וואונטש איז ערפילט געוואָרן. ר' יונה גלויבער האָט איבערגעלאָזט שיינע דורות, און רביה"ק זי"ע זעלבסט האָט איבערגעלאָזט גאַנצע דורות וואס פאַרמערן זיך כסדר. די אַלע אלפי תשב"ר וואָס ווערן נתחנך אין די מוסדות פון רבי'ן זי"ע "זיי" זענען דעם רבי'נס קינדער, אויף וועמענס הצלחה דער רבי איז מתפלל און קוקט אַרויס, און אידן וואָס שטיצן די מוסדות האָבן די זכי' מחי' צו זיין דעם רבי'ן זי"ע פערזענליך!.

ווילן מיר דאָ ברענגען נאָך עטליכע אינטערעסאנטע עדות'שאַפטן פון אידן וואָס האָבן אַליינס בייגעוואוינט ביי מרן רביה"ק זי"ע ווי ער האָט מבטיח געווען גרויסע ישועות בזכות פון שטיצן און מחזק זיין זיינע הייליגע מוסדות.

## א פופציגער פון א קינד...

אַן אינטערעסאנטע זאַך דערציילט הגה"צ רבי יעקב פרץ פריעדמאַן שליט"א רב דק"ק טענקא אין ירושלים עיה"ק, זון פון כ"ק הגה"צ הישיש רבי שלמה זלמן פריעדמאַן זצ"ל דער טענקער רב, וועלכער איז - כידוע - געווען א ידיד נאָמען פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, זייענדיג א תלמיד מובהק פון מרן אביו הגה"ק רבינו בעל עצי חיים מסיגוט זי"ע.

האָט ער דערציילט א זאַך וואָס בדידי' הוה עובדא. ביי א געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט אַז זיינס א קינד האָט זיך נישט גוט געשפירט. מען איז געגאַנגען צום דאָקטאָר, און נאָך א גרונטליכע אונטערזוכונג האָט דער דאָקטאָר

שטאַרק אפגעשראקן די עלטערן זאָגענדיג אַז דאָס קינד ליידט פון א געוויסע מחלה ל"ע.

רבי יעקב פרץ שליט"א איז שטאַרק דערשראָקן געוואָרן, און איז צוזאַמען מיט'ן קינד אַריבערגעקומען אל הקודש פנימה צו מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע זיך מזכיר צו זיין לדבר ישועה ורחמים. איידער ער איז געקומען צום רבי'ן האָט מר אביו הגה"צ מטענקא זצ"ל איבערגעגעבן פאַר'ן קינד א סכום פון פופציג דאָלאַר, א באַדייטענדע סכום אין יענע צייט, אַז דאָס קינד זאָל דאָס איבערגעגעבן לידיו הטהורים פון רבי'ן זי"ע אַלס א נדבה פאַר אונזערע הייליגע מוסדות.

אַריינקומענדיג בקודש פנימה האָט רבי יעקב פרץ שליט"א איבערגעגעבן דעם קוויטל פאַר'ן רבי'ן זי"ע. גלייך דערויף האָט דאָס קינד אויסגעשטרעקט די הענט און איבערגעגעבן פאַר'ן רבי'ן זי"ע דעם סכום געלט פון פופציג דאָלאַר, זאָגענדיג אַז ער גיט דאָס פאַר'ן רבי'נס מוסדות.

עס איז פאַר'ן רבי'ן געווען שטאַרק אויפפאלענד און אינטערסאַנט אַז א קינד גיט געלט פאַר די מוסדות, ובפרט נאָך אַזאַ גרויסן סכום. דער רבי זי"ע האָט א שמייכל געטון, און זיך אָנגערופן צום קינד "יונגעלע, פון וואו האָסטו די פופציג דאָלאַר?" האָט דאָס קינד דערציילט אַז זיין זיידע דער טענקער רב האָט דאָס אים געגעבן אַז ער זאָל דאָס איבערגעבן פאַר'ן רבי'ן פאַר זיינע הייליגע מוסדות.

דער רבי זי"ע איז שטאַרק נתרגש געוואָרן פון די ווערטער, און מיט גרויס התרגשות האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויפ'ן קעפל פונעם קינד, זאָגענדיג בל"ק: "אַז מ'האָט אינזינען די הייליגע מוסדות, וועט זיכער קיין שום שלעכטס נישט פאַסירן".

דאַן האָט דער רבי זי"ע זיך אויסגעדרייט צו רבי יעקב פרץ שליט"א און זיך אָנגערופן צו אים, אַז ער קען שוין זיין רואיג, און דאָס קינד וועט אי"ה זיין געזונט און שטאַרק.

וכך הוה. נאָך א שטיק צייט האָבן זיי נאָכאַמאָל באַזוכט מיט'ן קינד ביים דאָקטאָר, און נאָכדעם וואָס דער דאָקטאָר האָט נאָכאַמאָל אונטערזוכט דאָס קינד האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז עס איז געווען בלויז א פאַרדאַכט, און דאָס קינד האָט נישט געהאַט קיין שום שפור פון קיין מחלה, ויהי לפלא.

## דער רבי בלייבט א בעל חוב

עס האָט דערציילט הגה"צ רבי יצחק אייזיק ליבערמאַן זצ"ל אבדק"ק בעסערמין, וועלכער האָט פילע יאָר מכהן פאר געווען ברבנות אין די שטאָט שיקאַגאָ. אַז אין איינע פון די יאָרן ווען מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט באַזוכט אין שיקאַגאָ, איז דער רבי געקומען שאַפן געלט פאַר זיינע הייליגע מוסדות. אָבער נאָך איידער דער רבי זי"ע האָט פאַרלאָזט די שטאָט, האָט ער געהערט אַז אין די שטאָט איז נישט דאָ קיין געהעריגע מקוה, און עס איז נישט דאָ קיין געלט צו אַהערצושטעלן די מקוה בתכלית ההידור והכשרות. דער רבי זי"ע איז אויפגעציטערט געוואָרן דערפון, און האָט גלייך איבערגעגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט געשאַפן אין די שטאָט, אַז מ'זאָל קענען אויפבויען א מהודר'דיגע מקוה אין ווייטן שיקאַגאָ.

אַזוי אַרום האָט זיך געמאַכט, אַז אַנשטאַט וואָס דער רבי זאָל שאַפן געלט, איז ער נאָך געבליבן א בעל חוב פון א גרויסע סכום געלט . דער בעסערמינער רב זצ"ל איז דאַן קעגענקומען דעם רבי'ן זי"ע ווי א מלאך מושע, און האָט אָנגעטראָגן פאַר'ן רבי'ן אויסצובארגן פאַר'ן רבי'ן א סכום עצום פון בערך פופצן-הונדערט דאָלאַר וואָס איז דאַן געווען א הון תועפות. דער בעסערמינער רב זצ"ל האָט געהאַט אַוועקגעלייגט דאָס געלט אויף חתונה צו מאַכן קינדער, און זעענדיג אַז דער רבי זי"ע איז אַזוי געדרוקט, האָט ער מיט מסירת נפש ממש פאַרבאָרגט דאָס גאַנצע געלט פאַר'ן רבי'ן.

דער רבי זי"ע האָט גענומען פון אים דאָס געלט, און ער האָט אים געגעבן א שטר הלוואה, אַז ער איז שולדיג פאַר'ן בעסערמינער רב זצ"ל כך וכך געלט. אין די שפעטערע יאָרן האָט דער רבי זי"ע עטליכע מאָל געוואָלט צוריקגעבן דאָס געלט פאַר'ן בעסערמינער רב, אָבער דער בעסערמינער רב זצ"ל האָט דאָס קיינמאָל נישט געוואָלט צוריקנעמען. ער האָט זיך אַלץ אַרויסגעדרייט מיט פאַרשידענע אויסריידן. ביז איינמאָל האָט דער רבי אים שטאַרק צוגעדרוקט צו די וואַנט, אַז ער זאָל איבערנעמען דאָס געלט פון אים.

האָט דער בעסערמינער רב זצ"ל זיך אָנגערופן צום רבי'ן מיט'ן פסוק "עבד לוה לאיש מלוה". ווי נאָר דער רבי זי"ע האָט געהערט דעם פסוק, האָט דער רבי גלייך פאַרשטאַנען דעם רמז, אַז דער בעסערמינער רב זצ"ל וואָלט ליבערשט געקענט באַשטיין אַז דער רבי זאָל אים שולדיג בלייבן דאָס געלט, און אים דאָס באַצאָלן ערשט אויף יענע וועלט.

מאָמענטאַל איז דער רבי זי"ע געוואָרן שטאַרק צוקאָכט, אָבער עס איז געווען לפלא, אַז זינט דאַן האָט דער רבי זי"ע מער קיינמאָל נישט דערמאַנט איבער דעם חוב, און מ'האָט געזען בפירוש אַז לטובת די הייליגע מוסדות האָט דער רבי זי"ע אָנגענומען דעם פאָרשלאַג צו פאַרבלייבן א בעל חוב פאַר א צווייטן איד.

דער בעסערמינער רב זצ"ל האָט צוואה געלאָזט אַז לאחר מאה ועשרים שנה זאָל מען אים מיטלייגן דעם "שטר חוב" וכך הוה.

## העלט אינשורענס מיט די מוסדות

עס האָט דערציילט הרב החסיד ר' ר. ב. כ. ז"ל מחשובי זקני אנ"ש אין קרית יואל, אַז אין די ערשטע יאָרן וואָס ער האָט געוואוינט דאָ אין אַמעריקע, האָט ער האָט געקויפט "העלט אינשורענס" וואָס האָט אים געקאָסט א געוויסע סומע אויף א גאַנץ יאָר פאָראויס.

נאָך א יאָר האָט ער באַשלאָסן אַז ס'איז פשוט א שאָד צו שענקן דאָס געלט פאַר די אינשורענס פירמע. ער איז דאַן אַריין בקודש פנימה צום רבי'ן זי"ע, און האָט געזאָגט פאַר'ן רבי'ן אַז ער איז גרייט צו געבן דעם גאַנצן סכום פאַר די מוסדות פון רבי'ן זי"ע, אַזוי אַז ער זאָל מער קיינמאָל נישט דאַרפן צוקומען צו קיין העלט-אינשורענס. בשעתו האָט דער רבי מסכים געווען דערצו, און זינט דאַן פלעגט ער יאָר-יערליך געבן אַזאַ סכום פאַר'ן רבי'ן זי"ע'ס מוסדות אין ניו יאָרק.

איז געווען לפלא אַז דורכאויס די אַלע יאָרן שפעטער האָט זיך קיינמאָל נישט געמאַכט אַז ער זאָל דאַרפן צוקומען צו א דאָקטאָר, און ער איז אַלץ געווען געזונט און שטאַרק, אַזוי אַז די העלט אינשורענס וואָלט אים טאַקע געווען אַן איבעריגע הוצאה, אַלעס בזכות פון שטיצן די מוסדות פון רבי'ן זי"ע.

## אָן קיין פייער אינשורענס

א ענליכע מעשה ווערט געברענגט אין ספר "זכר צדיק לברכה". אַז אין די ערשטע יאָרן האָבן די מוסדות זיך זייער געמוטשעט מיט געלט, און רביה"ק זי"ע האָט צוזאַמגערופן אַן אסיפה מיט עטליכע נגידים מטכס עצה צו זיין וואָס מ'קען טון צו פאַרגרינגערן דעם מצב פון די מוסדות.

אינמיטן די אסיפה האָט א חשוב'ער נגיד מאנ"ש זיך אָנגערופן אַז ער האָט א פאַבריק, און יאָר-יערליך צאָלט ער אַוועק די סומע פון בערך פופצן-טויזענט דאָלאַר פאַר "פייער אינשורענס". האָט ער זיך אָנגערופן אַז אויב דער רבי איז מסכים אים מבטיח צו זיין אַז עס וועט ביי אים אים פאַבריק נישט אויסברעכן קיין שריפה דורכאויס דעם קומענדיגן יאָר, איז ער גרייט צו שענקן דעם גאַנצן סכום פון פופצן טויזנט דאָלאַר פאַר די הייליגע מוסדות, א סכום עצום בימים ההם.

דער רבי זי"ע האָט זיך פארטראכט א ווייל ע און דאַן זיך אָנגערופן אַז ער קען אים נישט ענטפערן אויפ'ן מאָמענט. ער וועט אַריינטראַכטן דערין. עטליכע טעג שפעטער האָט דער רבי זי"ע געלאָזט רופן יענעם נגיד, און אים געזאָגט אַז ער גייט איין אויפ'ן געשעפט. דער איד האָט געגעבן פאַר'ן רבי'ן די פופצן טויזנט דאָלאַר, און ב"ה ער האָט נישט געליטן קיין שום שאָדענס אין זיינע געשעפטן.

## שהרי קיימתי מה שהבטחתי

מיר וועלן ציטירן עטליכע פאַראַגראַפן פונעם קונטרת "קורות חיים" וואו הנגיד המפואר ר' שלמה חיים הייזלער הי"ו ראה"ק דק"ק

פאַרזעצונג אויף זייט ה ◂◂

עצי חיים סיגוט, באשרייבט פרקים פון זיינע איבערלעבענישן פון די פריערדיגע יאָרן. שרייבט ער דאָרט ווי פאָלגענד:

"במשך אַלע יאָרן ווען איך האָב בסייעתא דשמיא זוכה געווען צו זען הצלחה אין די געשעפטן, האָב איך כסדר געשטיצט דעם רבי'ן ז"ל און זיינע מוסדות, אַלעס מיט איין ציל להחיות את נפש הצדיק, כדי אָנצוהאַלטן מיין קשר עליון אינעם אילנא דחייא.

"איינמאָל ווען איך בין אַריין מיט א קוויטל אל הקודש פנימה צום רבי'ן ז"ל, איז דעמאָלט געווען א צייט וואָס מ'האָט זיך זייער שווער געמוטשעט מיט געלט אין די מוסדות. אינמיטן איז די רביצין ע"ה אַריינגעקומען, און ווען זי האָט מיך דערזען האָט זי זיך אָנגערופן "דער רב זאָל הייסן פאַר שלמה חיים ער זאָל געבן א שיינעם סכום פאַר די מוסדות". האָט דער רבי זיך אָנגערופן "פאַר שלמה חיים דאַרף מען נישט הייסן. ער פאַרשטייט אַליינס וואָס צו געבן".

"עס איז ידוע אַז דער רבי האָט זיך אויסגעדרוקט אַז ווער עס וועט העלפן זיינע מוסדות וועט ער נישט שולדיג בלייבן. דאָס קען איך מעיד זיין וואָס איך האָב געזען בחוש מערערע מאָל, ווי דורכדעם וואָס איך האָב געשטיצט דעם רבי'נס מוסדות האָב איך זוכה געווען צו זען ווי די ברכה פון רבי'ן ווערט מקויים אויף א ברייטן פאַרנעם.

## אטלנו מן הדין...

עס האָט דערציילט הרה"ח ר' וואָלף לעפקאָוויטש ז"ל מחשובי ותיקי אנ"ש, אַז אין די ערשטע יאָרן ווען דער רבי זי"ע האָט זיך אַזוי געמוטשעט מיט די הייליגע מוסדות, האָט דער רבי אַמאָל צונויפגערופן די אינגעלייט, און געבעטן דעם ציבור אַז מ'זאָל זיך משתתף זיין מיט פאַרשידענע סכומים לטובת די הייליגע מוסדות. כדרכו בקודש האָט דער רבי זי"ע נישט געזאָגט וויפיל יעדער זאָל געבן. ער האָט נאָר געבעטן אַז מ'זאָל געבן כפי היכולת.

האָט ר' וואָלף ז"ל דערציילט אַז זייענדיג א אינגערמאַן האָט ער געפלאַנט צו געבן א געוויסן סכום געלט, טראַכטענדיג אַז דאָס איז ער ביכולת צו געבן און מער נישט. דער רבי זי"ע האָט אָבער געהאַלטן אַז ער איז ביכולת זיך אָנצושטרענגען און צו געבן מער. האָט דער רבי זי"ע אים דאַן געזאָגט בזה"ל:

"איך געב מיך אַוועק פון מיין צייט פאַר ענק און פאַר ענקערע דורות ברוחניות ובגשמיות. אַז עטס האָטס א פראָבלעם קומט עטס צו מיר. ס'קאָסט מיר כח און געזונט. קומט מיר דען נישט אַזויפיל אַז פאַר מיינע מוסדות זאָל מען זיך אַנשטרענגען און געבן מער וויפיל מ'קען?...

## "מיינס" קומט פריער...

די פריערדיגע מעשה פלעגט הרה"ח ר' אברהם יעקב גלאַנצער ז"ל דערציילן, וואָס ער האָט דאָס געהערט פון ר' וואָלף. ר' אברהם יעקב ז"ל איז געווען פון די פייערדיגע עסקנים לטובת די מוסדות פון רבי'ן זי"ע, און ער האָט געהערט פון רבי'ן אַסאַך הוראות און הדרכות אין פאַרשידענע ענינים. פלעגט ער דערציילן אַז אַמאָל האָט דער רבי געהערט אַז דער ציבור באַשטייערט זיך נישט געהעריג מיט קיין פאַסיגע סכומים לטובת די אייגענע מוסדות, אין די צייט וואָס מ'טיילט ברייט פאַר אַנדערע מוסדות התורה.

האָט דער רבי זי"ע זיך אָנגערופן בל"ק: "איך הייס טאַקע געבן צדקה פאַר יעדן איינעם, אָבער מ'דאַרף אַליינס האָבן שכל אַז מיינע מוסדות קומען פריער...".

עס איז אינטערעסאַנט צו ציטירן איין פאַראַגראַף פון א מודעה וואָס איז ערשינען מטעם קהלתינו הק' אום חודש אלול שנת תשל"ח, בלויז איין יאָר פאַר זיין הסתלקות, אין וועלכן עס ווערט געברענגט דעם פונקטליכן לשון וואָס רביה"ק זי"ע האָט דאַן זיך געהאַט אויסגעדרוקט איבער'ן החזקת מוסדותיו הק', וזל"ק:

**"עס איז דאָ עטליכע זאַכן וואָס דער עולם האָט זיך זייער שיין אהינגעגעבן דערפאַר, עס איז טאַקע זייער גוט, אָבער עס איז א קל וחומר אַז עס קומט צו א אייגענע "מיינס" א זאַך, דאַרף מען אוודאי און אוודאי צו טון..."**

אַלענפאַלס, היינטיגן מוצש"ק האָבן מיר אַלע די געלעגענהייט צו דערהערן דעם קול ה' בכח פון מרן רביה"ק זי"ע מחזק צו זיין זיינע הייליגע מוסדות, וואָס ממעון קדשו מן השמים קוקט ער אַראָפּ און האָט זיכער הנאה פון יעדן סכום וואָס מ'געט פאַר די מוסדות. ומה כאן עמד ושימש, איז זיכער אַז דאָרט בשמי מרום איז דער "אב הרחמן" פון די אלפי תשב"ר תלמידי מוסדותינו, מרן רביה"ק זי"ע ווייטער משפיע כל מיני השפעות וישועות פאַר די וואָס שטרענגן זיך אָן צו שטיצן זיינע הייליגע מוסדות.


בס"ד

# ברכת מזל טוב

**ברכה ברורה - בעוז וגבורה - לארי שבחבורה**

להגיד לאדם ישרו בברכת מזל טוב לכבוד ידידינו הנלוה אלינו על כן נקרא שמו **לוי**
ותיק ועושה למען קופת מוסדותינו הקדושים והמפוארים בכל לב ונפש עבד ה**לוי**
יום ולילה לא ישבות לקבץ על הגבאו"ת ולילך על הפתחים וילך איש מבית **לוי**

יהללו שמו במחול בתוף וכנור יזמרו לו על כל הטוב אשר עשה ה' עם **יצחק**
צהלת פניו ענתה בו על רב טובו וחסדו במעשים טובים וישרים ויזרע **יצחק**
חכם לב יקח מצוות לעסוק בתורת ה' בקביעות מדי יום ביומו ויאהב **יצחק**
קול ה' נאדרי בכח עסקן חשוב ונערץ לשאת בעול הציבור וישם על **יצחק**

ה"ה ידידינו הנחמד הרבני הנגיד הנכבד איש החסד והמעש
מעוטר בכתר שם טוב כבוד שמו תפארתו

**מו"ה לוי יצחק לעווי הי"ו**

עסקן ראשי בוועד הפועל של מוסדותינו הקדושים

נוצר תאנה יאכל פריה על רב עמלו להרבות פעלים לקופת מוסדותינו הקדושים
ועתה נשמח ונגיל בשמחה וצהלה לרגל עת מועד כי בא בביתו

**בהולדת בנו למזל טוב**

**זמן גרמא לערוך שמחת הוואך נאכט**
**ביום המוסדות - כ"א כסלו**
וסימנא מילתא שזכות פעולותיו למען החזקת הרבצת התורה ברחבי המוסדות
יעמוד לו לזכות נצחי לראות רב תענוג ונחת מכל יוצאי חלציו שיחיו

**מנשים באוהל תבורך**
א פערזענליכע ברכת מזל טוב
**פאר די חשובע עקרת הבית מרת לעווי תחי'**
וועלכע שטייט אים צו הילף צו קענען אויפטוהן געוואלדיגע
פעולות לטובת המוסדות הקדושים מיט אירע טויזנטער
תלמידים ותלמידות שיחיו

**זיכער וועט דער זכות הרביםביישטיין אז איר זאלט**
**אינאיינעם זען אסאך תענוג ונחת פון אייערע קינדער**
**געזונטערהייט מיט פיל ברכה והצלחה**

אלה הדברים, בהוקרה נאמרים, בשבח ושירים
לבית הלוי"י נעימות יזמרו - לך יתרועעו אף ישירו
**הנהלת המוסדות**

גם אני מצטרף
**דוד צבי מערץ – משה אהרן האפפמאן**
**שלמה דוב ווידער – נתנאל ברוין – יואל לעווי**



# וויכטיגע אנווייזונגען

צום מעמד האדיר ביום הצלה והשחרור של כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע

**כ"א כסלו • מוצש"ק פרשת וישב שנת תשע"ב**

**בבנין הענקי "ניו יארק סטעיט ארמארי" - קראון הייטס**

במקהלות רבבות אלפי ישראל בראשות גדולי תורה ומאורי דורינו שליט"א

**ועל צבאם עטרת ראשינו הוד כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

תלי"ת איז היי יאר געלונגען פאר די הנהלת המוסדות צו האבן די מעגליכקייט צו פראווען דעם יערליכן גרעסטן חרדי"שן צוזאמקום אין ניו יארק, דער מעמד אדיר "סעודת הודאה - כ"א כסלו" ביום ההצלה והשיחרור של מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זיעועכ"י, וואס ווערט געפראוועט צוזאמען מיט דעם יערליכן דינער לטובת מוסדותינו הק', אינעם מעכטיגן פעסטונג "ניו יארק סטעיט ארמארי" וואס געפינט זיך אין די קראון הייטס געגענט. די געטרייע עסקנים ובראשם דער ענערגישער עסקן מו"ה ארי' שמואל פרענקל הי"ו פון די ע' ענד עף פירמא האבן אין די פארגאנגענע וואכן ארייגעלייגט א שווערע עבודה צוצורישן דעם מעכטיגן בילדונג אויף א מייסטערהאפטן אופן אז מען זאל דארט קענען אפצוערכטן דעם מעמד אדיר ונשגב ברוב פאר והדר.

אזוי ווי עס איז ערווארטעט א ריזיגן ציבור פון רבבות אלפי ישראל תלמידי וחסידי סאטמאר פון איבער גרעיטער ניו יארק וועלכע וועלן זיך אי"ה צונויפקומען צו דעם סעודת הודאה און דינער השנתי וואס ווערט געפראוועט צוזאמען מיטן סיום מסכת פסחים דורך די חבורה "יסודי התורה", האבן די עסקנים ספעציעל אויסגעשטעלט אלע איינצעלהייטן אז עס דער ציבור זאל קענען אנקומען גרינג און שנעל צום זאל און יעדער זאל קענען פלאצירט ווערן אין זאל בכבוד הראוי.

כדי דער געהויבענער מעמד זאל געקרוינט ווערן מיט די מאקסימאלסטע סוקסעס, שפירן מיר פאר וויכטיג איבערצוגעבן עטליכע פרטים איבער דעם גרויסן מעמד, און מיר האפן אז דער ציבור וועט זיך האלטן צו די אנווייזונגען מיט די פולסטע מאס קאאפעראציע און פארשטענדעניש.

## טראנספארטאציע:

**אזוי ווי די פארקינג וואס איז צוגעשטעלט אין די ווייטערע גאסן ארום דעם בנין איז שטארק באגרעניצט ווערט דער ציבור געבעטן אז ווער עס האט די מעגליכקייט זאל קומען מיט די צוגעשטעלטע שנעלע באסעס פאר דעם קורצן וועג, און לייגט אייך אראפ ביים טיהר פונעם בנין.**

## וויליאמסבורג

עס איז היי יאר ספעציעל צוגעשטעלט געווארן אריבער 40 באסעס וואס וועלן קארסירן אויפצונעמען דעם ציבור כדי מזאל נישט דארפן ווארטן אויף די גאס,

**אין וויליאמסבורג פון 7:30 אזייגער יעדע 5 מינוט**

1. **לענגאויס ווייט עוו. אנגעהויבן פון בראדוועי**
2. **לענגאויס לי עוו. אנגעהויבן ביי דיוויזשאן עוו.**
3. **לענגאויס דיוויזשאן / העריסאן אנגעהויבן ביי ראבלינג סט.**

**ביז צום טיר פון זאל**

## בארא פארק

**פון 7:45 יעדע 15 מינוט פון 40 ביז 60 סט.**

**1. לענגאויס פארט העמליטאן 2. לענגאויס 14'טע עוו.**

**3. לענגאויס 15'טע עוו. 4. לענגאויס 16'טע עוו.**

**5. לענגאויס 18'טע עוו.**

**און אויך א באס לענגאויס 49 סט. פון 18'טע עוו. ביז פארט העמליטאן**

**ביז צום טיר פון זאל**

אזוי אויך נאכן פארענדיגן די מסיבה וועלן די באסעס אפווארטן דעם ציבור אויף בעדפארד עוו. פארנט פון זאל, אהיימצוטראגן דעם עולם איבער די גאסן פון וויליאמסבורג און בארא פארק.

## פארקינג

מיט די הילף פון די עסקנים און די מיטארבייט פון די פאליציי אין יענעם ראיאן, איז אויסגעארבעט געווארן אז אויף די ווייטערע גאסן ארום וועט זיין די מעגליכקייט צו פארקירן די קארס אויף די גאסן ארום פאר די VIP - זקינים און פאר די וואס דארפן צוקומען דערצו.

דעריבער ווערט דער ציבור געבעטן צו קומען מיט די ספעציעלע שנעלע באסעס. עס איז ספעציעל ארגאנזשירט געווארן א גרויסע צאל באסעס אין אלע געגנטער, און עס וועט זיין זייער גרינג און באקוועם צו קומען מיט די באסעס גלייך צום טיהר פון זאל.

## קרית יואל

פאר די אלפי אנ"ש פון קרית יואל האבן מיר היי יאר ספעציעל צוגעשטעלט טראנספארטאציע **פריי פון אפצאל**. די באסעס וועלן אי"ה ארויספארן בשעה 7:00 און בשעה 8:00, אנגעהויבן ביים ביהמ"ד הגדול און דערנאך אלע געוועגליכע באס סטאפס און וועלן צופירן דעם ציבור ביז צום זאל.

ווי דערמאנט איז פאראן בלויז א באגרעניצטע צאל פארקינג פאר קארס, דעריבער ווערט דער ציבור געבעטן צו קומען מיט די פרייע טראנספארטאציע.

נאכ'ן גמר המסיבה וועלן די באסעס פון ק"י און מאנסי אפווארטן דעם עולם אינדרויסן פון זאל אויף ראדזשערס עוו.

## ארייגאנג:

די צענטראלע ארייגאנג אויף יוניאן סטריט פירט אריין דעם ציבור צו א ריזיגן פאָר-זאַל, וואו עס איז צוגעשטעלט געווארן אויף די לינקע זייט צו לייגן די מאנטלען און אויף די רעכטע זייט ביה"כ ונטילת ידים. קעגן איבער דעם ארייגאנג געפינט זיך דער ברייטער ארייגאנג צום גיגאנטישן זאל וואו עס ווערט אפגעראכטן די גרויסע מסיבה, די ארייגאנג פאר רבנים און VIP איז אויף בעדפארד עוו. קארנער פרעזידענט סט.

## בקשה פון פאליציי:

אזוי ווי דער בנין געפינט זיך אין א און שלעכטע געגענט און ארום דעם בנין

וואוינען נישט אידישע שכינים, ווערט דער עולם געבעטן זיך נישט ארומצודרייען ארום דעם בנין, נאר תיכף אריינגיין אין זאל. עס וועט זיין א גרויסע פלייץ פון פאליציי צו היטן די געגנט אבער עס פארלאנגט זיך די קאאפעראציע פונעם ציבור איבערהויפט פון די בחורי חמד אז מען זאל זיך נישט ארומדרייען אינדרויסן פון זאל במשך דעם גאנצן מעמד.

## נדבות לטובת המוסדות:

אזוויי דער הויפט ציל פון די מסיבה איז צו שאפן ריזיגע סכומים לטובת המוסדות, איז געווארן אויסגעשטעלט דער אריינגאנג צום זאל אויף גאר א באקוועמען פארנעם. די עסקנים וועלן זיצן ביים אריינגאנג צום זאל אפצונעמען פונעם ציבור די נדבות פאר די מוסדות הקדושים. עס איז ספעציעל צוגעשטעלט געווארן אז מען זאל אויך קענען אפגעבן די נדבות מיט א קרעדיט קארד.

## משולחן מלכים:



ווי שוין געמאלדן דורך די הנהלת המוסדות וועט פארטיילט ווערן דער ניי-ערשינענער ספר "משולחן מלכים" שיחות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א מיט רבנים ואדמורים שליט"א - שנת תשס"ט, פאר די אלע וואס וועלן ביישטייערן ביים דינער מיט $250 און העכער. ביים איבערגעבן די נדבה פאר די עסקנים וועט מען באקומען א ספעציעלן קארטל מיט וואס מען וועט קענען אפנעמען דעם ספר "משולחן מלכים" ביים ספעציעלן "מתנות טישל" וואס וועט זיין נעבן די עסקנים וואס נעמען די נדבות.

**דער ספר "משולחן מלכים" וועט אויסדריקליך בלויז פארטיילט ווערן פאר די וואס געבן א נדבה פון $250. עס איז געדרוקט געווארן בלויז א באגרעניצטע צאל פאר די נדבנים. וכל הקודם זכה.**

במשך די גאנצע נאכט וועלן די עסקנים אויך ארומגיין צווישן די טישן, דער ציבור ווערט געבעטן זיי אויפצונעמען בסבר פנים יפות, און ביישטייערן גרויסע סכומים להחזקת אלפי תשב"ר במוסדותינו הק'.

## איש על מחנהו:

גאר אסאך שווערע הארעוואניע איז אריינגעלייגט געווארן אויסצושטעלן דעם זאל אויף א מייסטערהאפטן אופן, אז טראץ דעם גרויסקייט פונעם בנין זאל מען קענען זען און מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד פון אלע עקן פונעם זאל.

**אזוי ווי דער זאל איז גיגאנטיש גרויס און דער בימת הכבוד איז א ווייטע שטרעקע פון די עקן זאל, דערפאר איז ראטזאם מיטצוברענגען צום מעמד שפאקטיוון צו קענען זען קלאר דעם פראכטפולען אויבן אן. עס איז דא צו באקומען שפאקטיוון ביי לי עוו. פאטא פאר א צוגענגליכע פרייז.**

קעגן איבער די צענטראלע אריינגאנג, אויפ'ן גאנצן ברייט פונעם זאל, איז אויפגעשטעלט געווארן א דריי שטאקיגע פלאטפארמע פאר די חשוב'ע רבנים הגאוה"צ, אדמורי"ם ועיני העדה שליט"א.

ספעציעלע פלעצער איז צוגערישט געווארן פאר די זקני העדה. מטעם די הנהלת המוסדות ווערט דער ציבור געבעטן מקיים צו זיין "והדרת פני זקן", און זיך נישט ארויפשטיפן אויף זייערע באשטימטע ערטער.

אזוי אויך איז רעזערווירט געווארן ספעציעלע זיץ פלעצער אין די פאדערשטע רייעס פונעם זאל, פאר די נכבדי וראשי קהלותינו ומוסדותינו הקדושים די בכל אתר ואתר, וואו זיי וועלן מכובד ווערן לפי ערכם.

דער איבריגער גאנצער זאל איז געווארן אויסגעלייגט מיט טויזנטער טישן און בענקלעך פאר'ן גאנצן ציבור רבבות אלפי ישראל. א שטאב פון הונדערטער עסקנים וועלן עומד זיין על מלאכת בית ה' צו פארזיכערן דעם סוקסעס פונעם אווענט, און מכבד זיין יעדן איינעם איש על מחנהו ואיש על דגלו.

לענגאויס די רעכטע זייט פונעם זאל איז אויפגעשטעלט געווארן א פיר שטאגיקע ברייטע פלאטפארמע, צוגערישט מיט טישן און בענקלעך פאר די טויזנטער אברכים, זיי זאלן קענען מיטהאלטן דעם גרויסן מעמד.

אויף די לינקע זייט פונעם זאל איז אויפגעשטעלט א פיר שטאקיגע פלאטפארמע פאר די טויזנטער בחורי הישיבות פון וויליאמסבורג, קרית יואל, בארא פארק, מאנסי, און מאנטרעאל, פון וואו זיי וועלן קענען גאר גוט מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד.

מען בעט בכל לשון של בקשה נישט מיטצוברענגען קיין קינדער צום מעמד.

## מתנה

אלע משתתפים ביים כינוס רבתי וועלן ערהאלטן א גאר רייכע געשאנק מיט היסטארישע און באלערנדע ארטיקלען און אינהאלספולע ליין-מאטעריאל פאר אינג און אלט, וואס וועט האלטן געשפאנט די גאנצע פאמיליע לכבוד חנוכה.

## סדר המעמד:

מטעם הנהלת המוסדות איז צוגעשטעלט געווארן א רייכע סעודת מלוה דמלכה פאר די רבבות משתתפים לרגל די סעודת הודאה להצלת רבינו הקדוש זי"ע, באגלייט מיט א גאר אינהאלטסרייכע פראגראם לכבוד דעם געהויבענעם מעמד.

כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועט אי"ה אריינקומען גאר פונקטליך בשעה 9:00 און מעריך זיין שלחנו הטהור לכבוד דעם יום הצלה והשחרור פון אבינו רועינו רבינו הקוה"ט זי"ע, און לכבוד דעם סיום מסכת פסחים והתחלת מסכת מגילה.

אין לויף פונעם גאנצן אווענט וועט א קאפעליע פון משוררים מפורסמים פון די באקאנטע "חברת שירה" אינאיינעם מיט קינדער מתלמידי המוסדות מהנה זיין דעם ציבור מיט זמירות שירות ותשבחות לכבוד מוצש"ק ולרגל המאורע. ווי אויך וועט מען הערן פרקי שירה פון דעם באקאנטן בעל מנגן נפלא מו"ה אייזיק האניג הי"ו. עס וועט זיין צוגעשטעלט טויזנטער זמירות למוצש"ק פאר אלע משתתפים.

נאכ'ן סיום המסכת און אמירת קדיש פון מרן רבינו שליט"א, וועט הגה"צ אבד"ק ור"מ דקהלתינו שליט"א משמיע זיין דבר הכינוס און ארויסברענגען די געהויבנקייט פון דעם טאג, און דערנאך וועט מען הערן דעם דבר המוסדות פון מוה"ר מרדכי אלעזר הירש הי"ו, אדמיניסטראטאר פון די מוסדות, וואו ער וועט איבערגעבן א רעפעראט פון די פינאנציעלע ווירטשאפט פון די מוסדות.

דערנאך וועט מען הערן די דרשה פונעם נואם הכבוד, הגה"צ פה מפיק מרגליות מוה"ר מיכל זילבער שליט"א, פון ירושלים עיה"ק. און דערנאך וועט כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א משמיע זיין דברות קודש און דעם משא המעמד.

## עסקנים:

מטעם הנהלת המוסדות וראשי הסדרנים ווערן געבעטן די אלע וועלכע האבן די מעגליכקייט צו צולייגן א האנט און ארויסהעלפן מיט סיי וועלכע סארט עסקנות ביים געהויבענעם מעמד, זאלן זיך מעלדן אין וויליאמסבורג צו מו"ה מרדכי יונה ווידער הי"ו, אין ב"פ צו מו"ה אלטר וואגשאהל הי"ו אין ק"י צו מו"ה יצחק חיים פריינד הי"ו.

ויה"ר שחפץ ה' בידינו יצליח להגדיל תורה ולהאדירה ולקדש שם שמים בתוך אמוני עם סגולה.

מיט כבוד

**וועד המסדר**

# אכסניא של תורה "ניו יאָרק סטעיט אַרמאָרי" בעדפאָרד עוו. פולקאָם צוגעגרייט צו אַקאָמאָדירן צענדליגער טויזנטער סאַטמאַרער חסידים היינטיגן מוצאי שב"ק צום צענטראַלן סעודת הודאה כ"א כסלו

פארזעצונג פון זייט א

צו דער געהויבענער און היסטארישער מעמד ווערן ערווארטעט טויזנטער און טויזנטער אידן מרחבי ניו יארק רבתי און ארום, יראי ה' וחושבי שמו, תלמידים וחסידים וועלכע האבן געהאט א שייכות און קשר מיטן בעל הנס מרן הק' מסאטמאר זי"ע, און האלטן זיך אומבויגזאם מיט די הייליגע שיטה פון התבדלות מרשעים, וועלן שטראמען בקול רינה ותודה המון חוגג זיך מתאחד צו זיין בהאי חבורתא קדישא, ביי דעם דערהויבענעם און פריידיגע געלעגנהייט, ווען עס ווערט געגעבן א שבח והודאה צו השי"ת אויף די נסים ונפלאות וואס ער האט געטוהן מיט כלל ישראל מיט זיבן און זעכציג יאר צוריק, ביז צום היינטיגן טאג, "ועל החסד אשר אתה עתיד לעשות עמי", די ווייטערדיגע סייעתא דשמיא און השגחה עליונה, "אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו", מיט א ריזן ציבור חסידים ואנשי מעשה, "ברוב עם הדרת מלך".

בראש פון דעם ריזן מעמד בקהל אלפים ורבבות, וועט זיך ציען א טאפעלטער אויבן אן, דער "פני המזרח", וואס וועט ווערן באשיינט בראשות גדולי תורה ומאורי הדור, מרנן ורבנן הגאונים הצדיקים המפורסמים שליט"א, וועלכע וועלן מכובד ווערן כערכם הרם, און צוגעבן מיט זייער אנוועזנהייט צו דעם געהויבענעם אווענט.

## סעודת הודאה כ"א כסלו

דער יערליכער "סעודת הודאה" אויף די הצלה פונעם רבן של ישראל רבינו הק' זי"ע, ווערט שוין פאר לאנגע יארן פארוואנדלט אין א "זמן קהלה", וואו אלפים מישראל קומען זיך צונויף אין דעם "יומא טבא של ממלכת סאטמאר", בהאי יומא דקא גרים ווען דער שר צבא ה' ובונה עולמה של תורה, רבינו הק' מהר"י ט"ב מסאטמאר זי"ע איז ניצל געווארן משיני אריות ומגיא ההרוגה, אין יענעם לעכטיגן פארטאגס, מיט 67 יאר צוריק, ביום כ"א כסלו תש"ה, און מ'גיבט אפ א שבח והודאה צו השי"ת אויף די גרויסע נסים ונפלאות.

דער יו"ט כ"א כסלו איז נאך מיט יארן צוריק געווארן א יו"ט פארן גאנצן יהדות החרדית. רבינו הק' זי"ע דער רועה אבן ישראל איז געווען דער "רבן של כל בני הגולה" במלוא מובן המילה, אונטער זיין השפעה איז געווארן געפירט דער גאנצער דור און יעדער האט געציטערט ממוצא פיו. רבנים, גדולים וטובים פון פריערדיגן דור וועלכע האבן נאך משמש געווען ברבנות אין דער אלטער היים האבן זיך געפארכט פאר א ווארט פון רבי'ן ווי פון א פונק פייער, און האבן געשפירט ווי דער טאג, דער גרויסער געהויבענער כ"א כסלו, איז דער יום הגדול וואס "אי לאו האי יומא", ווען נישט די חסדים וואס דער רבוש"ע האט באוויזן פאר דעם מנהיג ישראל, וואלט נישט געווען מעגליך אנצוהאלטן אידישקייט אין אמעריקא, איז דאס דעריבער שוין פאר לאנגע יארן א פרייליכער טאג פאר שלומי אמוני ישראל, אפגעזען פון וועלכן חדר.

אבער ווי פארשטענדליך אז די עיקר השפעה פון די חסדי ה' אין דעם יום ההודאה, איז צו דערקענען אין די ראמען פון תלמידי וחסידי סאטמאר, די וועלכע האבן געהאט די זכי' צו זיין דבוק אין דעם עמוד האש ההולך לפני מחנה בני ישראל, די אידן וועלכע האבן זיך געקלאמערט אין זיינע הייליגע וועגן, זיך געוויקט אין זיינע לעכטיגע דברי תורה, געפילעוועט אין זיין הייליגע שיטה, זענען נתחנך געווארן בבית מדרשו אין "רבי'נס ישיבה", האבן געהערט די סוגיא שיעורים און די פתיחות, געוואקסן מיט די "שלש סעודות תורות", און לאחר פטירתו האבן זיי זיך מקשר געווען אין מ"מ כ"ק מרן הגה"ק בעל ברך משה זיע"א, און במשך אריבער א האלבן יובל יארן זיך געשיצט אונטער זיינע פליגל, און יעצט געפינען זיי זיך ווייטער תחת דגלו וחסותו פון ממלא מקומו וממשיך דרכו בקודש, דער שריד לבית עצי התמרים וגדול הדור, כ"ק מרן רבינו שליט"א.

אט די טויזנטער אידן שפירן זיך אממערסטן "בעלי שמחה" צו אזא געהויבענעם טאג. דער טאג ברענגט אינספיראציע און חיזוק פאר די הייליגע שיטה, חיזוק פאר די הייליגע קהלה, חיזוק פאר די הייליגע מוסדות בכל מקומות מושבותיהם, זעענדיג מיט די פליישיגע אויגן ווי דער כח הקדושה בליהט און וואקסט, און כאטש עס איז שוין אריבער א לאנגע תקופה פון 67 יאר זינט די באפרייאונג פון רבי'ן זי"ע, און העכער זעכציג יאר זינט די השגחה עליונה האט צוגעפירט אז רבינו הק' זי"ע זאל באטרעטן דעם אמעריקאנעם באדן און איר אויפאקערן און אנזייען צו א שפרידלדיגע פעלד פון מוסדות התורה, הרבצת התורה, קדושה, טהרה, צניעות, מלחמה לה' בעמלק, און ס'איז שוין אריבער באלד דרייסיג יאר זינט זיין הסתלקות לשמי מרום, ווען די וועלט איז געווארן איינגעהילט אין א חשכות און יתמות, און יעצט שוין ווידער העכער פינף יאר נאך די הסתלקות פון ממלא מקומו מרן בעל ברך משה זי"ע, דאך קומען זיך צונויף רבבות אלפי ישראל תחת קורת גג אחד צו לויבן און דאנקן השי"ת אויף די נסים ונפלאות, און הערן דברי אלקים חיים לחזוק ולשנן אמרותיו הטהורים ושיטתו הבהיר, שפירנדיג די ריכטיגע המשכה בצל ממלא מקומו וממשיך דרכו מרן מסאטמאר שליט"א, וועלכער איז א נצר חוטר ותפארת אבותיו הק' זי"ע בכח תורתו והנהגתו – דאס איז די ריכטיגע פנימיות'דיגע שמחה פון אזא געהויבענעם טאג, ועל זאת שבחו אהובים ורוממו לא-ל.

## זה השלחן אשר לפני ה'

דער גאנצער אווענט, די געהויבענע סעודת הודאה, וועט אי"ה געפראוועט ווערן אין א הייליגע און לעכטיגע אטמאספערע, ווי "אין די געזונטע יארן" בימי רבינו הק' זי"ע דער בעל הנס. דער גאנצער אווענט וועט דערמאנען דעם זיסן אמאל בהלו נרו על ראשינו, ווען רבינו הק' דער בעל הנס זי"ע איז געווען בתוכינו, און מפאר געווען בפאר וכבוד ביי די סעודות הודאה, ווי אויך די שפעטערע יארן בצל קודש פון רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, וואס די אומבאשרייבליכע שמחה איז געקומען צום קלימאקס ווען ס'האט זיך דערטראגן דער קול "דער רבי איז דא אין זאל", איז דער גאנצער ארום געווארן ווי עלעקטערעזירט. גדולים עם קטנים, זקנים עם נערים האבן זיך געהויבן אין די לופטן צו זען די שטראלענדע צורה פון רבי'ן, טאטעס האבן

**דער גאנצער אווענט וועט דערמאנען דעם זיסן אמאל בהלו נרו על ראשינו, ווען רבינו הק' דער בעל הנס זי"ע איז געווען בתוכינו, און מפאר געווען בפאר וכבוד ביי די סעודות הודאה, ווי אויך די שפעטערע יארן ביי רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע**



געהויבן די קליינע קינדער צו כאפן א בליק אויף דעם צדיק אמת, וינועו אמות הסיפים מיט רגשי לבבות ושבח צו השי"ת.

יעצט שטייענדיג ווידער ביים יום הצלה והשחרור, ווען מ'זעט ווידער די חסדי ה' וואס די השגחה עליונה האט געפירט אז רבינו הק' זי"ע זאל מוזן ארויסוואנדערן צו די ארץ לא זרועה און אוועקשטעלן א לגיון של מלך מיט מוסדות התורה והחינוך, וואס ווערט היינט נמשך בגאון ועוז דורך ממלא מקומו וממשיך דרכו בקודש דער רבי שליט"א, וועט ווידער קומען צום אויסדריק די זעלטענע געפילן פונעם ציבור ביי די ערשיינונג פון רבי'ן שליט"א אין זאל. דער גאנצער ציבור וועט ווי נאטורליך ווערן אריינגעשלעפט אין א פייערדיגע התלהבות, לויבנדיג דעם רבוש"ע שזכינו להיות בהאי חבורתא קדישא.

גאר באזונדער זענען די רגשי הודאה "חסדי ה' כי לא תמנו", צו לויבן און דאנקן השי"ת אויף די חסדים נגליים, נאכדעם וואס סאטמארער חסידים אין ניו יארק לעבן-מיט די חסדי ה' מיט דעם "כתר שם טוב" פון די מוסדות הק', די צענטראלע סאטמארער מוסדות ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל, וואס איז געווארן אויפגעשטעלט פון דאסניי באלד נאך די הסתלקות לשמי מרום פון רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, ווען ס'איז געווען "עולם חשך בעדינו", די וועלט איז געווארן פינסטער, האט דער ריינער ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר זיך מחזק געווען אנצוגיין ווייטער מיט זיין הייליגע ירושה אונטער די השפעה און הדרכה פון ממלא מקומו כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א, און יעצט שטייט מען שוין ביים זעקסטן יאר, וצויתי את ברכת בשנה השישי"ת, מיט א ריכטיגע ברכה שלימה, אנגעפילט מיט א חינוך על טהרת הקודש אויפן העכסטן סטאנדארט ברוחניות.

כדי נישט צו פארגעסן פון די עיקר מטרה פון די נאכט, אויסצודריקן א שבח והודאה צו השי"ת אויף די נסים ונפלאות וואס ער האט געטוהן מיטן גאנצן דור און מיט די קומענדיגע דורות מיט די הצלה פון רבינו הק' זי"ע, האט דער מנהיג העדה מרן שליט"א באשטימט אז דער גאנצער "טיש" אין לויף פונעם אווענט זאל זיין "כולו מוקדש לה'", בלויז מיט שירות ותשבחות און פאסיגע דברי תורה ודרשות מענינא דיומא, ביי וועלכן די אלפי תלמידים וחסידים וועלן האבן די זכי' צו זען מלך ביופיו יושב כמלך במסיבו בראש הציבור, וקהל אלפים בתלמידים הקרויים בנים זיצן כשתילי זתים סביב לשולחנו ונהנים מזיו השכינה, ביי דעם געהויבענעם מעמד, ווען עס שפירט זיך אין די לופטן דאס געהויבנקייט און לעכטיגקייט פון דעם מעמד, ווען מ'לויבט אויף די חסדים וואס השגחה עליונה האט מיט זעקס-און-זעכציג יאר צוריק גראטעוועט דעם רבן של כל ישראל, און מ'איז אריינגעטוהן אין א העכערע אטמאספערע פון שיר ושבח צו השי"ת אויף די נסים ונפלאות אשר עשה עמנו בימים ההם בזמן הזה.

ביים דעם געהויבענעם מעמד וועט מען האבן דעם כבוד צו הערן א דרשה פון כבוד הגה"צ אבד"ק קהל יטב לב דסאטמאר וויליאמסבורג שליט"א, וועלכער שטייט בראש הקהלה, און בנועם שפתיו וועט דער רב שליט"א ארויסברענגען דעם חובת ההודאה אין דעם געהויבענעם נאכט, און דער חיוב איבער החזקת התורה פאר די מוסדות הק'.

**יעצט, ווען מ'שטייט שוין אינעם זעקסטן יאר, ווען עס דערקענט זיך שוין די טייערע פירות פון דעם ערליכן חינוך נעץ, איז די ריכטיגע צייט ארויסצוגעבן א שבח והודאה צו השי"ת אויף די חסדים גדולים און סייעתא דשמיא וואס מ'האט געהאט מיט'ן אהערשטעלן די מוסדות הק'**

## וצויתי את ברכתי בשנה השישי"ת

דער היי-יעריגער מעמד טראגט א ספעציעלן באדייט, זייענדיג אינעם אנהייב פונעם זעקסטן יאר נאך די התחדשות המוסדות הק' אין די עיר ואם בישראל וויליאמסבורג, וואס דאס ברענגט הייליגע און אינערליכע געפילן ביי אלפי ישראל מיטצולעבן דעם געהויבענעם מעמד נשגב.

אין לויף פון די פינף יאר איז דער כתר שם טוב עולה פון די מוסדות הק' אויסגעשטיגן צו א מאקסימום וואס איז ערמעגליכט געווארן נאר בכוחו ובזכותו פונעם מייסד הקודש דער רבי זי"ע. ב"ה אז ס'איז געלונגען אהערצושטעלן א שטאב פון מחנכים און מחנכות, משופרא דשופרא, דאס בעסטע וואס דער היימישער ציבור פארמאגט. עס איז נישט געשפארט געווארן קיין געלט און קיין מיה, צו פארזיכערן אז אין אלע ברענטשעס שטייגט מען לויט די בעסטע מעגליכקייטן.

וחפץ ה' בידם הצליח, די עבודת הקודש וואס ווערט אריינגעלייגט דערקענט זיך גאר גוט, בעיקר אויף די אומגעהויערע נחת רוח און הנאה וואס דערקענט זיך אויף די טויזנטער עלטערן פון די תלמידים ותלמידות כ"י, וואס כולם פה אחד זענען מלא שבח ותהלה אויף דעם ריינעם חינוך וואס ווערט אריינגעלייגט אין די קינדער, מיט א געטרייע צוזאמענארבעט פון די מחנכים און מחנכות, וואס איז ממש א שם דבר אין די גאנצע וועלט, וכתר שם טוב עולה על גביהן.

יעצט, ווען מ'שטייט שוין אינעם זעקסטן יאר, ווען עס דערקענט זיך שוין די טייערע פירות פון דעם ערליכן חינוך נעץ, איז די ריכטיגע צייט ארויסצוגעבן א שבח והודאה צו השי"ת אויף די חסדים גדולים און סייעתא דשמיא וואס מ'האט געהאט מיט'ן אהערשטעלן דעם בנין אדיר ומפואר, די מוסדות הק', מיט אזא הצלחה און סוקסעס, וואס אויף דעם אלעם וועט מען לויבן און דאנקן דעם רבוש"ע במקהלות רבבות אלפי ישראל, היינטיגן מוצאי שב"ק בעז"ה.

## כינוס התלמידים

גלייכצייטיג וועט דער צוזאמענפאר פון אזויפיל טויזנטער אידן, דינען אלס א כינוס תלמידים וחסידים וואו די פילע טויזנטער און טויזנטער תלמידי וחסידי סאטמאר וועלן פארברענגען בשבת אחים גם יחד עטליכע שעה נאכאנאנד, און זיך אנשעפן במלוא חפניים תורה ויראת שמים ווי אין די גוטע יארן בחיים חיותם פון רבותינו הק' זי"ע.

עס וועט זיכער זיין א פארגעניגן פאר די פילע תלמידים זיך צו טרעפן איינער מיטן אנדערן. חברים וידידים וואס מ'האט שוין נישט געזען א לענגערע צייט, און זיך ווידעראמאל מתאחד זיין, און פארפעסטיגן די אייביגע פארבינדונג וואס בינדט צוזאמען אלע סאטמארער חסידים און תלמידים בקשר אמיץ וחזק. עס וועט דינען אלס א געלעגנהייט פאר "אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו" בדברי חיזוק וריעות.

עס איז געווארן צוגעגרייט א רייכע סעודת מלוה מלכה פאר די טויזנטער משתתפים, לרגל די סעודתא דדוד מלכא משיחא, און לרגל די הצלה פון רבינו הק' זי"ע. אויך פאר די טויזנטער בחורי הישיבות וועט זיין צוגעשטעלט צו עסן אויף זייערע באשטימטע פלעצער. און פאר די פילצאליגע קינדער וועט געגעבן ווערן צובייס דורך די מלמדים שליט"א.

עס ווערט געבעטן פון די הנהלה, אזוי ווי פילע איינלאדענונגען זענען נישט אנגעקומען צוליב נישט פונקטליכע אדרעסן, זאל מען דאס אננעמען ווי א פערזענליכע הזמנה און קומען זיך משתתף זיין אין דעם גרויסן מעמד סעודת הודאה כ"א כסלו, וואו יעדער וועט נתכבד

# אַרמאָרי בעדפאָרד עוו. פולקאָם צוגעגרייט

▸▸ פארזעצונג פון זייט ט

ווערן לפי כבודו.

דאס יהדות החרדית קוקט ארויס מיט שפאנונג און ווארעמקייט אויף דעם גרויסן אווענט, היינטיגן מוצאי שב״ק, וואס פארשפרעכט צו זיין א קאלאסאלער קידוש שם שמים.

אין די לעצט-פארבליבענע טעג ביז צום געהויבענעם מעמד וואקסט די שפאנונג ביי תלמידי וחסידי סאטמאר צו דעם געהויבענעם אווענט, ווען עס ווידער ווערן ארויסגעצייגט דער מעכטיגער כח הקדושה וואס רבינו הק׳ זי״ע דער בעל הנס האט אויפגעשטעלט, און עס וועט ווידער ווערן איבערגעצייגט ווי זיין הייליגע הארוואניע האט אן המשכה לדורות עולם, און ווערט ווייטער געפירט על פי דרכו הסלולה תחת דגלו ונשיאותו פון מ״מ כבוד קדושת מרן רבינו שליט״א.

כינוס לצדיקים נאה להם ונאה לעולם!

# ספּעציעלער ״חד יומא אינפאָרמאַציע צענטער״ וועט זיין צוגעשטעלט ביים גרויסאַרטיגן דינער

אין בעפאָרגרייטונג צום גרויסן מעמד הדינער וואָס וועט קומענדיגן מוצש״ק אי״ה אָפּגעראַכטן ווערן להחזקת מוסדותינו הק׳, האָט דער דינער קאָמיטע דאָס יאָר אַראַנדזשירט צוצושטעלן א ספּעציעלן ״חד יומא אינפאָרמאַציע צענטער״ וואו מען וועט קענען באַקומען פונקטליכע אינפאָרמאַציע און אָנווייזונגען איבער אַלע פּרטים פון דעם מפעל.

עס איז היינט שוין איבעריג פאָרצושטעלן פאַר׳ן ציבור דעם באַדייט פונעם מפעל ״חד יומא״ וועלכע איז אין די לעצטע יאָרן אויסגעשטיגן אַלס ״רוקן ביין״ פון די גרויסאַרטיגע הכנסות וואָס ווערן געשאַפן איבערן יאָר לטובת מוסדותינו הק׳. א גאַנץ יאָר שפּירן אידן פאַר א זכי׳ אַרויסצונעמען זייער חלק בהחזקת המוסדות, דורכ׳ן אָפּקויפן דעם זכות א ״חד יומא״ איין טאָג אין איינס פון די אָפּטיילונגען פון די הייליגע מוסדות, ביי וועלכן אידן זעען ב״ה אָפענע ישועות און הצלחות לכל מילי דמיטב.

אין די לעצטע חדשים ווען עס זענען אָנגעגאַנגען די בעפאָרגרייטונגען צום גרויסן מעמד הדינער, זענען די שד״ר ועסקני המוסדות שטאַרק איבערראַשט געוואָרן מיטצוהאַלטן ווי שטאַרק דער מפעל איז ב״ה אויפגעכאַפּט, און ווי אידן זוכן און קוקן אַרויס צו קענען איינקויפן א זכות פון א טאָג אין די מוסדות אין ראַם פונעם מפעל חד יומא. טאָג-טעגליך זענען די עסקנים צוריקגעקומען נאָך די באַזוכן ביים ציבור אנ״ש תומכי המוסדות, מיט פרישע נעמען פון נדיבים בעם וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם מפעל, און כסדר האָט מען געהערט פרישע אנפראגען פון נאָך און נאָך אידן וואָס האָפן זיך אָנצושליסן אין דעם מפעל.

לאור בקשת הרבים וואָס דער מפעל ווערט ב״ה אַלס מער און מער אויפגעכאַפּט, זענען די געטרייע עסקנים פונעם דינער קאָמיטע גערישט, אַז ביים מעמד הדינער זעלבסט וועלן פילע אנפראגעס פון די עסקנים זיין באַזירט איבער׳ן מפעל ״חד יומא״ ווי, איבער פּרייזן, התחייבות פון פריערדיגע יאָרן, טעג וואָס מ׳האָט שוין און וואָס איז נאָך פאַרבליבן אָפּצוקויפן וכדומה.

כדי צו פאַרגרינגערן פאַר׳ן ציבור וועט דאָס יאָר זיין איינגעפירט דער ספּעציעלער חידוש, אַז האַרט נעבן דעם גרויסן טישל וואו די עסקנים הדגולים וועלן אָפּנעמען די נדבות פונעם ציבור, וועט אויך זיין צוגעשטעלט א ספּעציעלער ״חד יומא אינפאָרמאַציע צענטער״ וואו די עסקנים וועלן פאַרקויפן די טעג וואָס איז נאָך אָפען, און וועלן גערן ענטפערן אַלע פראַגעס. די עסקנים ביים טישל וועלן זיצן מיט א קאָמפּיוטער, און וועלן האָבן אָפען אַלע פונקטליכע דעטאַלירטע אינפאָרמאַציע, אַזוי אַז ביז געציילטע סקונדעס וועט מען יעדן קענען פונקטליך אינפאָרמירן, צו עס איז נאָך מעגליך אָפּצוקויפן דעם-און-דעם טאָג און די-און-די אָפּטיילונג און אַזוי נאָך ענליכע פראַגעס און אינפאָרמאַציע.

עס איז זיכער אַז דער ברייטער ציבור וועט אי״ה שטאַרק נהנה זיין פון דעם נייעם איינפיר, וואָס ווערט איינגעפירט מיט׳ן איינעם ציל צו פאַרזיכערן די לייכסטע מעגליכקייט מיטצוהאַלטן דעם גאַנצן גייסטרייכער פּראָגראַם מתחלה ועד סוף, אָן צו דאַרפן פאַרברענגען צופיל צייט ביים איבערגעבן די נדבות לטובת המוסדות.




זרעינו וכספינו ירבה כחול

געדענקט די עיקר מטרה פון דעם מעמד אדיר קומענדיגן מוצש״ק פ׳ וישב, כ״א כסלו הבעל״ט:

געלט פאר די מוסדות

ברענגט מיט גרויסע סכומים צום דינער כדי אוועקצושטעלן א פינאנציעלע יסוד פאר די הייליגע מוסדות וואס כ״ק מרן רבינו הקוה״ט בעל דברי יואל זי״ע האט אויפגעשטעלט צו מחנך זיין אונזער דורות.





פארגעסט נישט אריינצולייגן
דאס געלט אין טאש!





במקהלות רבבות אלפי ישראל

מוצש״ק וישב • כ״א כסלו

ניו יארק סטעיט ארמארי, 1579 בעדפארד עוו. - קראון הייטס




מעמד השנתי
**החזקת התורה**

חגיגה רבתי
**שמחת התורה**

דינער השנתי

כ"א כסלו

# תנו כבוד לתורה

לעת מועד כי בא מעמד רבתי החזקת ממלכת התורה והחינוך של אלפי תלמידים ותלמידות כ"י המתחנכים במוסדותינו הק' בדרך התורה והיראה על טהרת הקודש, כאשר בחדא מחתא נחגוג גם שמחת התורה של לימוד התורה דרבים סיום מס' פסחים מרישא ועד גמירא בהאי חבורתא קדישתא "חבורת יסודי התורה" מיסודו של עטרת ראשינו כבוד קדושת מרן רבינו הגה"ק שליט"א

שמחים אנו להודיע לקהל מוקירי תורה ברחבי ניו יארק רבתי יצ"ו כי לרגל חגיגת שמחת התורה בא יבוא ברנה מעלת כבוד האי גברא רבא, הגאון הגדול המובהק, שמו נודע בשערים, בשיעוריו הבהירים, בהרבצת התורה לאלפים, דבש וחלב תחת לשונו, חן הוצק בשפתותיו שושנים, ה"ה

הגאון האדיר המפורסם בכל קצוי תבל מרביץ תורה לאלפים, גדול מרבן שמו

# רבי מיכל זילבער שליט"א

מעיה"ק ירושלים תובב"א

**ושמעתתי' מתבדרין בי' מדרשא לרבבות אלפי ישראל בכל רחבי תבל**

לשאת את דבר ה' בתור

# נואם הכבוד

**במקהלות רבבות אלפי ישראל**

אצל סעודת הודאה לרגל הצלת רבינו הק' זי"ע
ומעמד השנתי להחזקת מוסדותינו הקדושים

**מוצש"ק פר' וישב כ"א כסלו הבעל"ט**

**באולם נ.י. סטעיט ארמארי**

**1579 בעדפארד עוו. - קראון הייטס**

גדול יהיה כבוד המעמד האדיר הזה לתורה ולתעודה.

החותמים בברכת התורה

# ישיבה תורה ויראה
# דרבינו יואל מסאטמאר

YG | gcnymarketing.com | Printed by: Printing Press 718.782.1301


שולחן מלכים
אלע תומכים ומחזיקים וואס וועלן
ביישטייערן צום דינער מיט'ן סכום פון
$250 און העכער
וועלן באקומען דעם ערשטן באנד פון
ספר משולחן מלכים
וואס אנטהאלט 68 שיחות קודש
בהיכלא דמלכא קדישא - שנת תשס"ט
כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
העכער 600 זייטן אוצר בלום פון צענדליגער שמועסן מיט גדולי הרבנים, אדמורי"ם מפורסמים, שרי התורה, עיני העדה און תורה-פערזענליכקייט מכל קצוי תבל שליט"א אין אלע מקצועות התורה וענינים העומדים על הפרק להעמיד הדת על תילה.
ספר משולחן מלכים
• עמקות וידענות בפרד"ס התורה
• פלפולא דאורייתא וחדותא דשמעתתא
• בירורי סוגיות הש"ס עם ראשי ישיבות
• סיפורי צדיקים שלא ראו אור הדפוס
• מנהגי צדיקים למעלה בקודש נבג"מ
• פסקי הלכה בענינים העומדים על הפרק
• מלחמת ה' בעמלק וחיזוק למחנה יראי ה'
• יסודות בחסידות ועבודת ה'
• תיקוני הדת בדרך המקובל לגדור גדר ולעמוד בפרץ
באגלייט מיט וואונדערבארן מפתח הענינים, מפתח הצדיקים, און תוכן שיחות קודש ביי יעדן שמועס
וצויתי את ברכתי בשנה הששית
סעודת הודאה
סיום מס' פסחים
דינער השנתי
כ"א כסלו
במקהלות רבבות אלפי ישראל
מוצש"ק וישב • כ"א כסלו
ניו יארק סטעיט ארמארי, 1579 בעדפארד עוו. - קראון הייטס
YG | gcnymarketing.com